בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטַ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת שלח (באר"י קרח)
שנת תשפ"ד

גליון
קנ"ט

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטַ"א

### - יִרְאֵי הַשֵּׁם -

### דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְחַנֵּךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם

טֵייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ מְחַנְּכִים. צוּ זַיין אַ מְחַנֵּךְ מֵיינְט נִישְׁט בְּלוֹיז דִי 'אַחְרָיוּת' פוּן דִי אַרְבֶּעט, ווִי לְמָשָׁל צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער פוּן נַיין אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג. כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין חִינּוּךְ, מוּז דֶער מְחַנֵּךְ אַלֵיין זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם; עֶר דַארְף יֶעדְן טָאג גֵיין אִין מִקְוֶה, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין צֵייט, דַאווֶענֶען מִיט מִנְיָן, מַאכְן בְּרָכוֹת, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁיְיכוּת מִיט לֵיצָנוּת, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידֶל.

עֶס קֶען זַיין אַז גֶעווִיסֶע מְחַנְּכִים ווֶעלְן בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת הֶערְנְדִיג אַז מֶען מוּז זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם, זֵיי ווֶעלְן זָאגְן: **"אוֹיב אַזוֹי, גֶעב אִיךְ אוֹיף, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין מְחַנֵּךְ, ווַייל אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי אִיךְ בִּין טַאקֶע אַ יְרֵא שָׁמַיִם"**, דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן: ווֶען מֶען פַארְלַאנְגְט 'יִרְאַת שָׁמַיִם' מֵיינְט עֶס מֶען זָאל 'ווֶעלְן' זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן מֶען מוּז זִיךְ עַל כָּל פָּנִים פִירְן מִיט אַלֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן ווִי אַזוֹי אַ יְרֵא שָׁמַיִם פִירְט זִיךְ אוֹיף.

### דֶער רִיכְטִיגֶער צִיל פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט כְּדֵי צוּ ווִיסְן וָואס דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה זֶענֶען, אַזוֹי ווִי לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט בַּיי דִי גוֹיִם, ווִי לְמָשָׁל חֶשְׁבּוֹן, ווִיסְנְשַׁאפְט, חָכְמוֹת הָעוֹלָם אוּן הִיסְטָארְיֶע. מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה כְּדֵי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ ווֶערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז גֶעווֶען דִי גַאנְצֶע קְלִיפָּה פוּנֶעם מָשִׁיחַ שֶׁקֶר שַׁבְּתַי צְבִי יִמַּח שְׁמוֹ, אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען גֶעווֶען פַארְזִינְקֶען אִין טוּמְאָה, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט בַּיי מֶענְטְשְׁן דֶעם גֶעדַאנְק אַז דָאס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז בְּלוֹיז אַ לִימוּד ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע ווֶעלְטְלִיכֶע לִימוּדִים.

דֶערְפַאר מוּזְן דִי מְחַנְּכִים זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, יִרְאֵי הַשֵּׁם, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

### דֶער מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף רֶעדְן פוּן זִיךְ אַלֵיין

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (סֵפֶר חַסְדֵי אָבוֹת עַל מַסֶּכֶת אָבוֹת א, ג): אִין גַאנְץ מַסֶּכֶת אָבוֹת טְרֶעפְט מֶען דֶעם לָשׁוֹן: **"הוּא הָיָה אוֹמֵר"** - עֶר פְלֶעגְט זָאגְן. פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט ווִי גֶעווֶענְלִיךְ **"שַׁמַּאי אוֹמֵר"**, **"הִלֵּל אוֹמֵר"**, **"רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר"**? ווַייל מִיט דֶעם ווִיל אוּנְז דֶער תַּנָּא מְרַמֵּז זַיין, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בְּלוֹיז זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן, נָאר דֶער גַאנְצֶער מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין רֶעדְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. **"הוּא הָיָה אוֹמֵר"** - בְּלוֹיז דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף אִים, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט זֶען פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף דַאווֶענֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַ מִצְוָה.

קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְנַארְן; זֵיי זֶעעֶן גָאר גוּט ווִי אַזוֹי דֶער מְחַנֵּךְ פִירְט זִיךְ אוֹיף, אוּן דָאס אִיז וָואס זֵיי ווֶעלְן נָאכְמַאכְן. פּוּנְקְט ווִי יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז ווֶען אַ טַאטֶע זִיצְט אוּן שְׁמוּעֶסְט דוּרְכָאוֹיס דֶעם גַאנְצְן דַאווֶענֶען, אָבֶּער עֶר צִיפְּט זַיין זוּן: **"נוּ, דַאווֶען!" "נוּ, דַאווֶען!"** - ווֶעט עֶס גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, ווַייל דֶער טַאטֶע אַלֵיין טוּט דָאךְ פּוּנְקְט פַארְקֶערְט; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע מְחַנְּכִים.

### אַ פָּארְטְרֶעגֶער דַארְף דִינֶען אַלְס בַּיישְׁפִּיל

סְתַּם אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט נָאכְקוּקְן אַ צְווֵייטְן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אָדֶער ווִי אַזוֹי עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן; מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינְצִיג מְחַזֵּק זַיין, יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ פָּארְטְרֶעגֶער, עֶר פַארְמָאגְט אַ שְׁטֶעלֶע אָדֶער אַ חָשׁוּבְ'עֶ פָּאזִיצְיֶע אִין אַ מוֹסָד אָדֶער אִין אַ קְהִלָּה, דַארְף עֶר דִינֶען אַלְס בַּיישְׁפִּיל אוּן זִיךְ פִירְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז בֶּאֱמֶת רִיכְטִיג זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז נוֹגֵעַ פַאר גַּבָּאִים פוּן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים. דִי טִירְן פוּן שׁוּל זֶענֶען אָפְן פַאר יֶעדְן, יֶעדֶער אִיד קֶען אַרַיינְקוּמֶען דַאווֶענֶען, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ ווִי אַזוֹי עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר. אָבֶּער דָאךְ, ווֶען עֶס קוּמְט צוּ צוּשִׁיקְן אֵיינֶעם צוּם עַמּוּד, אָדֶער זַיין אַ בַּעַל קוֹרֵא וְכַדּוֹמֶה, מוּז עֶס זַיין אֵיינֶער וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל. אַזוֹי אוֹיךְ דִי גַּבָּאִים אַלֵיין דַארְפְן קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ. מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין עֲלִיָּה לַתּוֹרָה פַאר אֵיינֶעם וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן ווִי אַ

גַאסְן מֶענְטְשׁ, מִיט אַ מָאדְנֶע מַאנְטְל אוּן מָאדְנֶע שִׁיךְ וְכַדוֹמֶה.

## דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן מֵיין הָאֶרֶץ: קוּמְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל אוּן דַאוְוענְט שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן.

ווִי אַזוֹי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ אַז אַ מְחַנֵּךְ זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוְוענֶען מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת?! ווִי אַזוֹי קֶען עֶר נָאכְדֶעם זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף דַאוְוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, ווֶען עֶר אַלֵיין דַאוְוענְט נִישְׁט אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן?!

עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין אַז דֶער מְחַנֵּךְ אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען, עֶר קֶען מַאכְן הֶערְלִיכֶע אַרְטְס אוּן קְרֶעפְטְס (קִינְסְטְלֶערִישֶׁע הַאנְט אַרְבֶּעט) מִיט דִי קִינְדֶער; אָבֶּער כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי קִינְדֶער, מוּז מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי גֵיין אִין מִקְוֶה. ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען זַיין אַ מְחַנֵּךְ אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה?! ווִי אַזוֹי קֶענֶען זַיינֶע דִיבּוּרִים בִּכְלַל עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן בַּיי דִי קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר גֵייט נִישְׁט אִין מִקְוֶה?! מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁאַרְף אַז מְחַנְּכִים מוּזְן גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה.

## אַלֵיין מְקַיֵּים זַיין הִלְכוֹת בְּרָכוֹת

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן ווִי דֶער מְחַנֵּךְ נֶעמְט אַרַיין עֶפֶּעס אִין מוֹיל אָן אַ בְּרָכָה, אָדֶער ווִי עֶר כַאפְּט אָפּ אַ בְּרָכָה, ווִי אַזוֹי קֶען עֶר שְׁפֶּעטֶער זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"דִי הֲלָכָה אִיז אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרָכָה פַאְרן עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען"**, ווֶען זֵיי הָאבְּן דָאךְ אַלֵיין צוּגֶעזֶען ווִי עֶר אַלֵיין מַאכְט נִישְׁט קֵיין בְּרָכוֹת ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?!

'הִלְכוֹת בְּרָכוֹת' אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ לִימּוּד, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען מוּז אוֹיךְ מְקַיֵּים זַיין לְמַעֲשֶׂה. דִי קִינְדֶער מוּזְן צוּזֶען ווִי אַזוֹי דֶער מְחַנֵּךְ מַאכְט אַ בְּרָכָה פַאְרן עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען. ווֶען עֶר מַאכְט זִיךְ אַ קַאוֶוע זָאל עֶר אַרוֹיסְזָאגְן יֶעדֶע ווָארְט קְלָאר: **"בָּרוּךְ אַתָּה ה', אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ"**, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶנְטְפֶערְן: **"אָמֵן"**; דַאן קֶען עֶר זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען דַארְף מַאכְן עֶרְלִיכֶע בְּרָכוֹת פַאְרן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

## ווָאס זָאלְן דִי קִינְדֶער טְרַאכְטְן?!

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַן אוֹיפְפִירוּנְג אִין מִקְוֶה. ווֶען אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים קוּמֶען אִין מִקְוֶה אַרַיין אוּן בַּאמֶערְקְן ווִי אֵיינֶער ווֵייקְט זִיךְ אִין בּוֹר, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוּן לַאכְט אַרוּם וְכַדוֹמֶה, אוֹיבּ אִיז עֶס סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ ווֶועלְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען דֶערְפוּן; זֵיי ווֶועלְן טְרַאכְטְן: 'אַוַודַאי הָאט יֶעדֶער אִיד זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אוּן מַעֲלוֹת, אָבֶּער יֶענֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף ווִי אַ פּוֹיעֶר'.

אָבֶּער אוֹיבּ דָאס אִיז אַ מְחַנֵּךְ, ווָאס זָאלְן דִי קִינְדֶער טְרַאכְטְן?! דִי קִינְדֶער ווֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶעס ווָאס עֶר רֶעדְט צוּ זֵיי אִין כִּתָּה אִיז בְּלוֹיז אַ שְׁפִּיל, עֶס אִיז אַ ווִיץ... אִין דִי צַייט ווָאס עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִינֶעם מוֹסָד דִינְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּשְׁט דֶעם סִידּוּר אוּן דֶעם חוּמָשׁ, אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי וְכוּ', אָבֶּער נָאכְדֶעם לֶעבְּט עֶר גָאר אַ צְוֵוייטֶע סָארְט לֶעבְּן. דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע שְׁלֶעכְטֶע חִינּוּךְ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## עֶרְלִיךְ, חֲסִידִי"שׁ, אָן לֵיצָנוּת

אוֹיבּ אַ מְחַנֵּךְ הָאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אַפִּיקוֹמָן - עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט אַ קָאמְפְּיוּטֶער אָדֶער עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן - טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קֵיין מְחַנֵּךְ. דִי טוּמְאָה פוּן דִי כֵּלִים קִילְט אָפּ דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מַאכְט אַלֶעס חָרוּב. סְתָּם אַזוֹי ווֶועט מֶען נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים פַארְהַאלְטְן דֶערוֹיף, אָבֶּער אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין מְחַנֵּךְ; מְחַנְּכִים דַארְפְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן!

אַזוֹי אוֹיךְ ווֶועט מֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ ווָאס שְׁנֵיידְט זַיין בָּארְד, כָאטְשׁ ווָאס עַל פִּי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער אִיסוּר; ווֶען מֶען שְׁנֵיידְט דִי בָּארְד, שְׁנֵיידְט מֶען אָפּ אַלֶע צִינוֹרוֹת ווָאס בְּרֶענְגֶען דִי שֶׁפַע. אָבֶּער יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַז אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען צוּ זַיין אַ מְחַנֵּךְ.

דִי גַאנְצֶע אוֹיפְפִירוּנְג פוּן אַ מְחַנֵּךְ דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן חֲסִידִי"שְׁן שְׁטֵייגֶער. אַ מְחַנֵּךְ דַארְף אַרוּמְגֵיין מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן מֶען דַארְף קֶענֶען זֶען זַיינֶע צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן.

מְחַנְּכִים דַארְפְן זַיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווָאס זֵיי הֶערְן אוֹיס. לְמָשָׁל, ווֶען מֶען פָּארְט אוֹיפְן ווֶעג צוּם חֵדֶר אָדֶער עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אוּן מֶען ווִיל עֶפֶּעס אוֹיסְהֶערְן, זָאל מֶען אֵיינְשְׁטֶעקְן אִין קָאר אַ יוּ עֶס בִּי פוּן עֶרְלִיכֶע מְחַנְּכִים ווָאס דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה, אָדֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן; אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קֵיין לֵיצִים.

עֶס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּיי אַ שִׂמְחָה וואו עֶס זֶענֶען גֶעווֶען צְווֵיי בַּדְחָנִים לֵיצִים; זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעטְרַייבְּן לֵיצָנוּת אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז כִּמְעַט גֶעלִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער. אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען: 'ווָאס אִיז דָא אַזוֹי צוּ לַאכְן?! זֵיי נֶעמֶען דָאךְ אַרוֹיס יֶעדֶעס פִּינְטְל יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ!'

ווִי אַזוֹי קֶען אַ מְחַנֵּךְ הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין קָאר יוּ עֶס בִּי'ס פוּן בַּדְחָנִים לֵיצִים?! אוֹיבּ דֶער גַאנְצֶער קָאפּ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לֵיצָנוּת, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

## אָן יִרְאַת שָׁמַיִם קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֵיין גוּטְס

עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַלְס מְחַנֵּךְ אֲפִילוּ אֵיינֶעם ווָאס טוֹיגְט נִישְׁט אַזוֹי גוּט צוּ הַאלְטְן אַ כִּתָּה, אַ שְׁטִיקְל בַּטְלָן, עֶר קֶען נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע אַרְטְס אוּן קְרֶעפְטְס, אָבֶּער עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, עֶר מַאכְט עֶרְלִיךְ בְּרָכוֹת, עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאְרן זְמַן, עֶר אִיז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דַאוְוענְט ווִי אַ אִיד דַארְף צוּ דַאוְוענֶען. עֶס אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר מוּטְשֶׁען אִים צוּ דַארְפְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, ווִי אֵיידֶער אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אוּן אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ ווָאס ווֶען עֶר נֶעמְט אִיבֶּער אַ כִּתָּה הֶערְט מֶען נִישְׁט פוּן אָנְהֵייבּ יָאר בִּיז סוֹף יָאר קֵיינֶעם זִיךְ אָפְּרֶעדְן, דִי קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אוּן עֶר קֶען מַאכְן הֶערְלִיכֶע אַרְטְס אוּן קְרֶעפְטְס מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק. ווַייל אָן יִרְאַת שָׁמַיִם קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֵיין גוּטְס.

ווֶען אִיךְ ווָאלְט גֶעדַארְפְט שִׁיקְן מֵיינֶע

# המשך שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קִינְדֶער צוּ אַ מְחַנֵךְ וָואס אִיז שְׁוַואךְ אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואלְט אִיךְ זֵיי עֶנְדֶערְשׁ גֶעהַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים; זָאלְן זֵיי זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט שְׁפִּילְצֵייג. אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאזָארְגְט, וַוייל צוּם סוֹף וֶועלְן זֵיי שׁוֹין אוֹיסְוַואקְסְן; אַבִּי נִישְׁט צוּ שִׁיקְן צוּ אֵיינֶעם אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זִיכֶער נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין גוּטְס.

אַ מְנַהֵל פוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה דַארְף גוּט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועמֶען עֶר נֶעמְט אוֹיף אַלְס מְחַנְכִים. עֶר דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן מְחַנְכִים וָואס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער".**

## אַ בְּלִיק אִין דִי צִימֶערְן פוּן גַן עֵדֶן

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צב.): **"כָּל הַמְלַמֵד תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶה, זוֹכֶה וּמְלַמְדָהּ לָעוֹלָם הַבָּא"**, וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיס תּוֹרָה פַאר אַנְדֶערֶע דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט זוֹכֶה זַיין עֶס צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק פַאר מְחַנְכִים, וַוייל דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְן מְחַנְכִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיפְגֶעקוּקְט בַּיי מֶענְטְשְׁן. דֶעם כָּבוֹד אוּן דֶעם חֵן בַּאקוּמֶען גֶעוֶוענְלִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען אִין אַ הֶערְלִיכֶע פַּאלַאץ, פָארְן מִיט אַ מֶעכְטִיגֶע קַאר, טְרָאגְן אַ טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְל, אוּן הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע עֶכְט זִילְבֶּערְנֶע קְעָרָה בַּיים סֵדֶר נַאכְט. אָבֶּער מְלַמְדִים קֶענֶען צוּמָאל הָאבְּן אַ קַאר וָואס הַאלְט זִיךְ קוֹים צוּזַאמֶען מִיט קְלֶעבּ, אוּן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין זִילְבֶּערְנֶע קְעָרָה, נָאר זֵיי לֵייגְן אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע גְלֶעזְלֶעךְ אוֹיפְן מַצָּה טַאשׁ.

אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן. דָארְט זֶענֶען דִי מְחַנְכִים - וָואס גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר צַייט, כֹּחַ אוּן מֹחַ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - גָאר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב.

מְחַנְכִים אַרְבֶּעטְן דָאךְ נִישְׁט בְּלוֹיז אִין דִי שָׁעוֹת וָואס זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, פוּן נַיין אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג. זֵיי גֶעבְּן דָאךְ אַוֶועק פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע צַייט - פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען דֶער זְמַן פוּן שַׁבָּת אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת גֶעפַאלְט - כְּדֵי זִיךְ גוּט פָארְצוּקוּקְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר דִי קִינְדֶער אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אָדֶער גְמָרָא. אַזוֹי אוֹיךְ הֶערְן זֵיי אוֹיס שִׁיעוּרִים פוּן אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים וָואס דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה גֶעפְלָאכְטְן מִיט מֶדְרָשִׁים, כְּדֵי זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער גוּט אוּן קְלָאר.

דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיס תּוֹרָה פַאר אַנְדֶערֶע דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי זֶעלְבֶּע נְשָׁמוֹת אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן - לוֹיט וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל קֶען פַארְשְׁטֵיין - וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי קָארִידָארְן פוּן גַן עֵדֶן. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַלֶע צַדִיקִים שְׁפַּאצִירְן דָארְט אַרוּם; זֵיי קוּקְן אַרַיין אִין דִי פִילֶע צִימֶערְן פוּן גַן עֵדֶן וָואס זֶענֶען צוּגֶעפַּאסְט פַאר יֶעדְן אִיד לוֹיט זַיין דַרְגָה אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים. אִינְמִיטְן קוּמֶען זֵיי אָן צוּ דִי צִימֶערְן וואוּ עֶס זִיצְן דִי טֵייעֶרֶע מְחַנְכִים, וָואס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זֶענֶען דָארְט אוֹיךְ מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים. אִין אֵיין צִימֶער זִיצְט אַ מְלַמֵד מִיט צְוֶועלְף הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר פֶערְצִיג יָאר אִין אַ כִּתָּה פוּן דְרַייסִיג קִינְדֶער; אִין אַ צְוֵוייטֶע צִימֶער זִיצְט אַ מְלַמֵד מִיט טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר נָאךְ מֶער יָארְן. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק אוּן פַארְגֶענִיגְן וָואס דִי מְחַנְכִים וֶועלְן דָארְט הָאבְּן.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי מְחַנְכִים וָואס גֶעבְּן זִיךְ אִיבֶּער מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ אוּן מֹחַ פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

# בְּרִיוְון פוּן חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְט צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט אַ אִינְגֶל אִין מַיין קְלַאס וָואס יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֶעבּ אִים אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען אַז עֶר דַאוֶוענְט אָדֶער לֶערְנְט שֵׁיין אָדֶער סַיי וָואס, וַוארְפְט עֶר אַלְץ צוּרִיק דִי קָאמְפְּלִימֶענְט, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הֶערְט עֶר גָאר אוֹיף צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָיר, ל"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַנְשְׁטָאט דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען - וֶועלְן זֵיי אָנְהוֹיבְּן טוּן מָאדְנֶע זַאכְן, אָדֶער דָאס פַארְקֶערְטֶע.

אַז דֶער קִינְד טוּט פוּנְקְט פַארְקֶערְט - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְן פְּרִיוַואט, גֶעבּ אִים נִישְׁט קַיין קָאמְפְּלִימֶענְטְן בָּרַבִּים; פְּרִיוַואט וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען פַארְדֵייעֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה יום טוב שבועות תשפ"ג)

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין בָּחוּר וָואס מַאכְט מִיר אַוֶועק כְּסֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר, מַיין זוּן - אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר - שְׁרֵייט אוֹיף מִיר אוּן קְרִיטִיקִירְט מִיךְ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, וָואס עֶר קֶען טְרֶעפְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיף וִוי דִי הֲלָכָה אִיז לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד, וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ פָארְהַאלְטְן, אוּן עֶר הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין אַוֶועקְמַאכְן. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט זִיךְ אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט אוֹיפְגֶעוֶועקְט; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר קְלֵיין, וֶוען זֵיי זֶענֶען צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר, פִיר יָאר - דֶעמָאלְט אִיז צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען לָאזְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן קְרוּם, מֶען לָאזְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, מֶען זָאגְט 'יֶעצְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ קְלֵיין, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין', אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף - הָאט מֶען צַעַר פוּן זֵיי.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, יג-יד): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר דַיין קִינְד וֶוען עֶר אִיז יוּנְג, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט, לֹא יָמוּת", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אִים צוּ שְׁלָאגְן, עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ פַּאטְשׁ, "אַתָּה, בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דוּ זָאלְסְט אִים שְׁלָאגְן, "וְנַפְשׁוֹ, מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים רַאטֶעוֶוען פוּן גֵיהִנוֹם.

יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז אַ טַאטֶע זָאגְט יָא אִיז יָא, אַז אַ מַאמֶע זָאגְט נֵיין אִיז נֵיין, אוּן אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - גֶעבְּט מֶען קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶעךְ, אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען דָאס קִינְד פוּן שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט.

יֶעצְט מִיט דַיין בָּחוּר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה; וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ טַאטֶע".

גְרִינְגֶער וֶועט דִיר זַיין זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר דַיין וַוייבּ; וֶוען דוּ הֶערְסְט אִים רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, זָאלְסְטוּ אִים בַּאמֶערְקְן דֶערוֹיף אוּן זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ מַאמִי", אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶוען זִי הֶערְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִיר נִישְׁט שֵׁיין וֶועט זִי אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ טַאטִי"; אִין יֶעדֶע פַאל זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע".

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער מְחוּצָפִּים, עַזּוּת פֶּנִימְ'עֶר - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי עֶלְטֶערְנְ'ס פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶועזְן דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען מֶען זֶעט קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז דִי קְרֶעדִיט דִי עֶלְטֶערְנְ'ס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם", אַ קְלוּג קִינְד, "מוּסַר אָב", אִיז וַוייל עֶר הָאט אַ טַאטֶע וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "וְלֵץ", אוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֵצִים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין גֶעשְׁרֵיי, נָאךְ זָאגְט עֶר (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע נַאטוּרְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", מִיט שְׁטְרָאף נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"ב)


### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876